**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/13/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**אויב נאכנישט געזעהן: גאווערנער האקול אנאנסירט מאסקע פראטאקאל איצט אין קראפט, נייע FAQ רעסאָרס צו באקומען**

***מאסקעס איצט פארלאנגט אין אלע אינעווייניגע פובליק פלעצער אויסער ביזנעסער אדער צונויפקום פלעצער וועלכע פירן איין א וואקסין פאדערונג***

***זעט אפט געפרעגטע פראגעס איבער די נייע פאדערונגען דא***

***זעט מאסקע און וואקסין פלאקאטן צו באקומען פאר ביזנעסער דא און דא***

***לייענט העלט קאמישענער׳ס באשטימונג דא***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז דער מאסקע פראטאקאל פאר אלע אינעווייניגע פובליק פלעצער געמאלדן פרייטאג איז איצט אין קראפט, ווי אויך א נייע אפט געפרעגטע פראגעס רעסאָרס פאר ביזנעס אייגנטימער און דער אלגעמיינער פובליק.

מאסקעס זענען איצט פארלאנגט אין אלע אינעווייניגע פובליק פלעצער אויסער ביזנעסער אדער צונויפקום פלעצער וועלכע פירן איין א וואקסין פאדערונג. ווי אנגעמערקט אויף די אפט געפרעגטע פראגעס וועבזייטל בלאט, אן אינעווייניגע פובליק ארט באדייט אלס סיי וועלכע אינעווייניגע ארט וואס איז נישט קיין פריוואטע וואוינונג — ביזנעסער און צונויפקום פלעצער וואו ניו יארקערס באזוכן אפט און וואס זענען פובליק אדער פריוואט-באזיצטע ביזנעסער. די קערפערשאפטן רעכענען אריין אינעווייניגע אונטערהאלט צונויפקום פלעצער, קאנצערט זאלן, אינעווייניגע ספאָרטס סטאדיומס, פאררויילונג ערטער, רעסטוראנטן, אפיס געביידעס, שאַפּינג צענטערס, גראסערי סטארס, פארמאסיס, געבעט הייזער און אלגעמיינע ערטער אין רעזידענשעל געביידעס. פלאקאטן צו דערמוטיגן מענטשן צו טראגן מאסקעס און ווערן וואקסינירט זענען צו באקומען פאר ביזנעסער צו ניצן דא און דא.

"אלס גאווערנער, איז מיין העכסטע פריאריטעט צו באשיצן די געזונט פון ניו יארקער און די געזונט פון אונזער עקאנאמיע, און די צייטווייליגע מאסנאמען וועלן אונז העלפן דורכגיין די האָלידעי סעזאן זיכערערהייט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך טייל מיט מיט יעדן׳ס פרוסטרירונג וואס מיר האבן באקומען ביז דעם פונקט, איבערהויפט מיט דער וואקסין ביי דער האנט. איך וויל דאנקען די מיליאנען ניו יארקער וועלכע האבן געטון די ריכטיגע זאך און זיך פולשטענדיג וואקסינירט. מיר זענען אלע אין דעם מצב אינאיינעם, און אויב וועלן אנדערע דאס נאכמאכן וועלן די מאסנאמען מער נישט זיין נויטיג."

דער הויפט שריט צו אדרעסירן דער ווינטער אנפלייץ אן זארג איבער קומענדע האָלידעי צונויפקומענישן קומט אין דער צייט וואס קאָוויד-19 פעלער און האספיטאליזאציעס שטייגן איבער׳ן סטעיט צו זיין אין איינקלאנג מיט די CDC׳ס רעקאמענדאציעס פאר קאמיוניטיס מיט באדייטנדע און הויכע

טראַנסמיסיע. דער סטעיט העלט קאמישענער האט ארויסגעגעבן [א באשלוס](#) אוועקצושטעלן דער פאדערונג.

דער מאסנאם איז אין קראפט ביז יאנואר 15, 2022, נאכדעם וואס דער סטעיט וועט ווידער אפשאצן באזירט אויף איצטיגע אומשטענדן, און ברענגט צוגעלייגטע שיכטן פון לינדערונג דורכאויס די האָלידעי סעזאן ווען מער צייט ווערט פארברענגט אינעווייניג מיט שאַפּינג, זיך צונויפקומען און באזוכן האָלידעי-פארבינדענע דעסטינאציעס.

**עקטינג געזונטהייט קאמישענער דר. מערי טי. באסעט האט געזאגט,** ״נעמען דער שריט איצט איז קריטיש-וויכטיג אויף אפצושטעלן דער קאָוויד-19 ווינטער אנפלייץ דורכאויס דער האָלידעי. יעדע פון אייך קען ביישטייערן: ווערט וואקסינירט, ווערט גע׳בוסט׳עט אויב איר זענט שוין וואקסינירט און טראגט א מאסקע. מיר מוטיגן דעם פובליק צו שטיצן די נייע פאדערונגען אין אינעווייניגע פובליק פלעצער דורך קאאפערירן מיט די צונויפקום פלעצער. מיר דארפן אז יעדער זאל טון זייערס אז מיר זאלן דאס אלע קענען אינאיינעם דורכלעבן.״

פאר אינפארמאציע אויף וויאזוי ביזנעסער און צונויפקום פלעצער קענען איינפירן א וואקסינאציע באווייז פאדערונג אדער א מאסקע טראגן פאדערונג, זעט די אפט געפרעגטע פראגעס [דא](#).

קאָוויד-19 וואקסינען און [בוסטער דאזעס](#) זענען אומזיסט און ברייט צוגענגליך איבער׳ן גאנצן סטעיט. ניו יארקער קענען באזוכן vaccines.gov, טעקסט זייער זיפ קאָוד צו 438829 אדער רופן 1-800-232-0233 צו טרעפן דערנעבנדע לאקאציעס. צו סקעדזשיול׳ען אן אפוינטמענט ביי א סטעיט-געפירטער מאסן וואקסינירונג פלאץ קענען ניו יארקערס באזוכן דעם [׳Am I Eligible׳ וועבזייטל](#). ניו יארקער קענען זיך אויך פארבינדן מיט זייער העלטקעיר באזארגער, קאונטי העלט דעפארטמענטס, פעדעראל-קוואליפיצירנדע העלט צענטערס (oFQHC), רורעל העלט צענטערס, אדער פארמאסיס.

ניו יארקער קענען אפנעמען זייער עקסעלסיאָר פּאַס אדער עקסעלסיאָר פּאַס פּלוס [דא](#). ביזנעסער און צונויפקום פלעצער קענען דאונלאד׳ען דעם [עקסעלסיאָר פּאַס סקענער עפּ](#) — אומזיסט פאר יעדן ביזנעס איבער׳ן לאנד און צו באקומען אין איבער צען שפראכן — [דא](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

[זיך אויסשרייבן](#)